**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**

**Moskve, 1941**

דרעווש רעד נופ עוווש יד

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280**

Visual Library

## די שוועה פון דער שווערד

פון די אקסל צעפּאָכען זיך פליגל,
אין דעם טראָט — דיין אורטייל זיך הערט:
— נאָך ווי קיינמאָל וועט גרויס זיין דאָס זיגן,
ווייל ווי קיינמאָל איז שארף אונדזער שווערד.

טרינק זיך, שפּארבער, אין בלוט א פארדרייטער,
ניט קיין וועג האָסט פּאָרויס, ניט — צוריק;
ס׳האָבן בערג שוין די רייען געצווייט דאָ
אין דעם פּאָטערלאַנדס הייליקן קריג!

אף דיין אומקום העגער שוין קרייען,
ס׳גיט א שוועה — א שווערד צו א שווערד;
— ווער ס׳איז שטורעם ארויסגאן פארזייען,
דער פארשניטן וועט ווערן פון דר׳ערד!

ס׳גייען פעלדזן מיט בליצן געפּאסיקט,
ס׳רופט זיך איבער א יאם מיט א יאם:
— אויב די שלאנג בעט א דאָרשטיקע וואסער,
איז באטרינק זי מיט פייער און פלאם!

מיט דעם גרויזאמען אופרייס פון לאווע,
מיט דעם בליציקן בלאנק פון שטאָל —

אפֿן רוף פֿון פֿארפּײַניקטע סלאוון,
וואָס צום הימל דערגרייכט זייער קאָל!

ס'זאָל מיט שטויב דײַנע האָרדעס צעזייען,
און דײַן נאָמען — א קלאָלע זײַן זאָל!
פֿאר די אָפּשטאמען פֿון אָדיסייען,
פֿאר דעם בראָך פֿונעם פּוילישן פֿאָלק.

אפֿ די אקסלען צעפֿאָכען זיך פֿליגל,
אין דעם טראָט — דײַן אורטייל זיך הערט:
פֿאר די קוואָרים פֿון שפּאנישע קריגער,
פֿאר געשענדטע ייִדן אפֿ דר'ערד!

ביזן חאלדז אין בלוט אײַנגעדריכטער
טרינק זיך, שפּארבער, מיט שאנד און מיט סאם, —
ס'גייען אוּף איצט אין רום דײַנע ריכטער
אין דער לופֿט, אפֿ דער ערד, אפֿן יאם!

אז צעשמעטערט זאָלסט ווערן אײַנדרײַען,
און צעטראָטן, פֿארניכטעט און וויסט, —
פֿאר באטרעטן דאָס היימלאנד דאָס פֿרײַע
מיט די בלוטיקע, בלאָטיקע פֿיס.

אוי, צעפֿלאטערט איר, פֿאָנען, זיך העלער,
גאָר דעם הימל שפּרייט אויס מיט באגין;
אפֿ דעם קריג פֿון די פֿרידלעכע שוועלן
אלטע מאמעס באגלייטן די זין!

מיט א בראָכע, א ליד מיט א ניגן,
מיט א טיפֿ פֿארבאהאלטענער טרער;

— נאָך ווי קיינמאָל זאָל גרויס זײַן דאָס זיגן,
און ווי קיינמאָל זאָל שארף זײַן די שווערד!

אפ רויִנען — פארגוואלדיקטע ברידער
און געקרייצט אפ דער אייגענער שוועל;
מיט געזאנג מירן אופהייבן ווידער
דעם פארבראָכענעם קאָפּ פון דער וועלט!